

מנוחה הלפערין

# פראגע -- בויגן?.

1 ; פאמיליע און נאמען אלפערין

2 ליטעראַרישער פסעוודאנים. " "

3 געבוירן אין יאר 1898 קרייז פינסק.

4 עולה געווען קיין ישראל אין יאר 48

5 אדרעס אין ישראל תלמוד מנוחה אלפערין.

6 מיטארבעט אין טאג ציילונגען און זשורנאלן ט. צ. ביאליסטאקער-

7 לעבן. אין זאלבע - אכט זשורנאל. פאליסיע.

8 בראשור א. ג. בענטש אונדז זיידעניר! ( צום הונדערט יעריקן

יובילעאום - מענדעלע מוכר ספורים ).

9 אנגענומען אלס מיטגליד אין פאריין אין יאר 1950 ,

10 קורצע אויטא ביאגראפיע : אין לייג ביי - אויטאביאגראפיע.

W° 206

מנוחה אלפערין.

# אויטא ביאגראפיע.

געבוירן אין פינסק. ביי ארימע עלטערן; אין אחסידיש - משפחה.

דער טאטע משה בער- אזון פון טוראוועער רב.-דער מחבר, פון דברי אדם , אטאלאנטירטער קינסטלער און אגרויסער למדן - אמלמד און אייד אנארימאן ..

די מאמע ? - אלטע - צפורה , אבלאנדע שיינהייט, מיט אלע זונען, פון איידישער מאמע....

מיין עלטסטער ברודער - זיידל- בן ציון, איז געווען לערער און מנהל אין דער קאפלאן - שול - ווארשע.

דער צווייטער ברודער- יצחק מאיר - שוחט אין פינסק.

פון די ערשטע קינדער - יארן האב איך געלערנט אין אלטן, יידישן חדר. דערנאך פריוואט געלערנט העברעאיש און רוסיש. שפעטער אין דער רוסישער גימנאזיע.

פון ניינטן יעריקן עלטער, האבן די ערציאונגס - לערער אנגעהויבן פארלייענען מיינע קליינע אבער געפילפולע שריפטלעכע טעמעס - פארן קלאס שילער.

4 - יאר פאר דער ערשטער וועלט מלחמה , בין איך אנגעקומען אלס שילערין צו די יידישע אוונט - קורסן , אונטער דער אנפירונג, פון די לערער פאר -פאלק: יעקוב און זשעני קאנטאר, פארשטייער, פון דער יידישער אינטעליגענץ אין פינסק, צופארשפרייטן פאר דער וואקסנדיקער יוגנט די יידישע שפראך און קולטור, דארט בין איך אויפגעגאנגען .. מיט ליבע און פארערונג האבן זיי אויף מיר געקוקט און - געווארט.

זיי האבן דאס די ערשטע צוזאמען מיטן ליטעראטור לערערישער הסכמה געשיקט מיינע שאפונגען אין ווילנער (גרינע ביימעלעך) זשורנאל, אגאנצע סעריע שריפטן.

ערשטע וועלט - מלחמה. 1914. אונדזער שטאט שטייט הארט ביי די שלאכטן. די באפעלקערונ ווערט לאגזאם ארויסגעשיקט , צו די אקופירטע געביטן, פון פוילן.אונדזער משפחה פאלט אריין לויט דער פליטים - רייע , אין דער שטאט לאמזע.

( באמערקונג; איאר פאר דער מלחמה שיקט מיר די פארוואלטונג, פון די אוונט - קורסן אויף זייערע קאסטן קיין קיעו, זיך לערנען. דארט ווער איך עקזאמינירט און מען באשטעטיקט מיין קאנדידאטור אנקומאן אויפן הומאניטארן פאקולטעט - ליטעראטור.

איך פאר צוריק אהיים. דערווייל ציען מיר מיינע לערער אריין צו הערן די לעקציעס , וואס די אינטעליגענץ פארשפרייט פאר די ארבעטער - קרייזן אין די געהיימע, טונקעלע ארבעטער געסלעך. ביז וואס ווען - ברעכט אויס די מלחמה ).

מיר זיינען פליטים צוזאמען מיט אלע טויזנטער צובראכענע

משפחות. מיר וואנדערן איבער פעלדער וועלדער ; ארבעטן צוזעצטערהייד העלפן דעם דייטש בויען בריקן , שאסייען, אויף אהונגער - לוין.

בקצור - סאיז פריילעך!.

אלע ווערן אין שטוב קראנק. די עפידעמיע , טיפוס, וואס בושוועט ביי די פלטים, צוברעכט אונדז נאכאמאל.

איך בין נאך די איינציקע, וואס גיי ארום, שלעפ דעם יאך די גאנצע וואך אויף די פעלדער כדי אויף שבת ברייגנגען אלעבל ברויט.

מיין פארוואנדעטע פוס רייסט מיך ענדליך ארויס פון דער קאטערזשנער פעלד ארבעט , און נאכן שפיטאל ארדנט מען מיר איין אין אשטאטישען גרויסן פוטער - געשעפט. דארט בלייב איך שוין סטאביל ארבעטן מיט אפענסיע, וואס דערפון האבן זיך שוין באשפייזט אונדזער גאנצע הויזגעזינד.

ביז אין 2 יאר ארום האט דער טאטע באקומען די לעקציעס אין אין דער לאמזשער תלמוד תורה, ווו ער האט שוין סטאביל געארבעט גאנצע 18 יאר.

פאר דער צייט האט זיך אנגעהויבן אויסקריסטאליזירן די דערוואכנדיקע שטאטישע יוגנד, דורך די אלע פאליטיש מיליטערישע אינוואזיעס, וואס עס האט געבראכט די היסטארישע איבערקערענעשן, אויף אלע געזעלשאפטלעכע געביטן...

פאר דער צייט האב איך זיך אויסגעוויגט אין די פארשיידענע פארטייאישע ריכטונגען צוזאמען מיט מיינע יוגענד - חברטעס און חברים. און אין ווארשע באזוכט דעם יידישן פאלקס - אוניווערסיטעט.

פון יענער עפאכע, פון די 16, ביז די ווייטע 20 - ציקער יארן האב איך געשריבן און - פארשריבן...

די טאלענטירטע שרייבער, פון דער יוגנד - גרופע, וועלכע האבן, ווי איך געהערט צו פארשיידענע פאליטישע פארטייען, האבן זיך אויפגעהויבן; זיך אויסגעשיילט און מיר האבן זיך פארייניקט אין איין שרייבער - גרופע, אין דער שפיץ מיט מיט דעם פאעט און קריטיקער שמואל זאראמב.

פון לייב מארגענטוי האב איך דערהאלטן די איינלאדונג צו דער פאליעסער אויסגאבע: זאלבע אכט. דערנאך ,פון דער פינסקער פרעסע. פון לאמזשער שטימע א.א. וו. אין די 30 -קער יארן - אין ביאליסטאקער לעבן. א. נ.

אין לעצטן חורבן ? - זיך ארומגעוואלגערט אין רוסלאנד - און אוזבעקסטאן.

( באמערקונג: אין יאר 1932 - קער איך זיך אום צוזאמען מיט מיינע עלטערן אהיים - קיין פינסק; דארט ארבעט איך צוזאמען מיט אייבעם, פון די בארימטע ליטעראטור לערער מיינע משה חיים רעזניק , וואס האט אין שטאטישער קולטור - אפטיילונג, אגיטירט, פאר שיקן מיר לערנען, ארבעטן מיר צוזאמען אין דער פינסקער, אלגעמיינער פרעסע - ער אויפן

פעדאגאגיש - וויסנשאפטליכן געביט , איך - בעלעטריסטיק! . )

איך ארבעט סטאביל און לעב זיך אפילו אויך מאטעריעל אויס, אדאנק מיין ליטערישער טעטיקייט.

אין יאר 38, באזוכט אונדז דער שרייבער זאראמב. און האט פון מיר נחת. אגב די בשותפותדיקע פרייד: מען באשטימט און מען פארנעמט זיך מיט דער איניציאטיוו , צו פארעפנטליכן דעם ערשטן בוך, פון לייב מארגענטוי.

ער נעמט מיט אייניקע, פון מיינע שאפונגען , פון דער טאג ציישונג: ביאליסטאקער לעבן; אויך דיעם עסיי - די מוזיק .

אין זעלבן יאר פאר איך ארום איבער די יידיש - פאליעסער פראווינצן; מיט דער הסכמה, פון פינסקער ייד. לליטע. פאריין - און גיב רעפעראטן, וועגן יידישע קלאסיקער.

( די הכנסה, גייט אגב אויף אגרויסן טייל אויך אויף מיין בוך - עסייען, נאוועלן און דערציילונגען - צום איבערגעגעבענעם צו/ם דרוק. )

אבאזונדער הכנסה,האט מיר אריינגעבראכט די בראשור, איבער מענדעלע מוכר ספורים, וואס כ/האב אנגעשריבן , צו זיין הונדערט יעריקן יובילעום, אדאנק דער רעדאקציע, פון פ ינסקער לעבן, וואס האט געשיינקט צו דעם צוועק פאפיר, און די דרוקערייי , פון וואלאוועלסקי - דעם דרוק. וואס האס זיך ביי די מענדעלע פייערונגען פארשפרייט אין די טויזנטער עקזעמפליארן איבער גאנץ פאליעסע.

1939. דער אנהויב פונ/ם חורבן. די היטלער מאכט שפרייט זיך אויס איבער אייראפע און זייט חורבן און מארד.

( באמערקונג . אקאפיע, פון מיין בוך - זאמלונג איז איבער געגעבן געווארן צו יעקב פאט זל" נאך אסך פריער. ער האט דאן געגעבן אגלענצנדע רעצנזיע, איבער מיינע שאפונגען, - אין פאלקס ציישונג, אין יאר 1932. )

אונדזער ישוב ווערט מערדערלעך באמבארדירט, פון דער מארשירנדיק- דייטשישער ארמיי. די שטאט שוידערט מיט צוגראבענע גריבער און מקלטים, אין שרעק, טרערן און פיינאון קרבנות.

ענדליך - די אויפגעלויכטענע פרייד, פון רעטונג : די רויטע ארמיי האט אונדז באפרייט!...

דאס אלץ געהער אבער שוין צו דער געשיכטלעכע ר עפאכע.צו מיין ענין נאר פארביי גייענדיק. איך באוויייז נאר זיך צו באטייליקן מיט אקבלת פנים,פאר דער רויטער ארמיי, אין איינעם, פון דער דריי - שפראכיקער ערשטלינג - ציישונג, וואס די ניי געקומענע סאוועטן האבן פארעפנטלעכט: די פראוודא , - יידיש, רוסיש, ווייס - רוסיש.

אין אקנאפן יאר ארום פאר איך קיין רוסלאנד זיך זעען מיט מיין פאטעררס משפחה, נעם מיט מיין בת יחדה שולמית, די 15 - יעריקע שילערין, פון דער ביאליסטאקער יידישער רעאל - גימנאזיע, וואס איז געשיקט געווארן פון די פינסקער צישא" - גלויבערמאן שול, ווי די בעסטע קינד,

– צו לערנען אויף אפרייער סטיפענדיע.

די דייטשן הויבן אן זייער פינסטערע קאשמארן; די פרידליכע

באפעלקערונג, פון גאנץ רוסלאנד.די וועגן זיינען מיט מיליטער;

מיר בלייבן שטעקן אינמיטן וועג. ....

– און עס הויבט זיך אן די מיין גרויסע וואנדער טראגעדיע, מיטן

שטראם פון מיליאנען אינטערנאציאנאלע פלטים......

1946. מיר קערן זיך צוריק מיט אלע רעפאטריאנטן קיין פוילן* –

ווי קיילעכדיקע יתומים. נידער – שלעזיען. ריכבאך. איך ארבעט אין יידישן

קאמיטעט. דורך דער קבוצישער באוועגונג, ווער איך געשיקט אויפן יידישן

סעמינאר דרור" – קיין לאדזש. ווו די יידישע ארץ – ישראל פעדאגאגן גרייטן

אונדז צו ארץ ישראל עליה.

זאלצבורג. לאגער ביאליק. 7 –און 48טן יאר. איך ארבעט אין דער

...ולטור אפטיילונג. גלייכצייטיק פארענדיק איך די פאך – שול, פון ארט",

ביי/ם דזשוינט, פאר דער שארית הפלטה.

דארט שרייב איך. און גרייט צו שטאף פארן פארן אלמאנאך, וואס דארף

דערשיינען. דר" וויינבערג דער רעדאקטאר פון אלמא. פארט אפ ווייטער.

מיטן ערשטן לעגאלן טראנספארט ווער איך געשיקט קיין נאר וואס תחית

– המדנה.

זייענדיק אין בית –עולים – רעננה, האט די איינציקע יידישע

צייטונג אויפגענומען מיין ערשטן ארטיקל א. נ. טונדז אנקעגן,– די ערשטע

לאנדס – באגעגנעשן.רעדאקטאר: – אברהם בליי.

שפעטער – ביי דנאל לייבל.

שפעטער – ביי צאנינען אין דעם אילוסטרירטן וואכן – זשורנאל

עפאפייע, פון דער שארית הפלטה , די דערציילונג: די נייע כותל מערובי,

און אין לעצטע – נייס , יידישע צייטונג , איןביידע, יידיש /העברעאישע

ביכער לאמזשע, פינסק, סטולין, דומרוביצי, און חסידיזם – אויסגאבע.

א.נ.

אפארטיקער בוך וועגן אומקום, איז שוין פארפארטיקט מיט 10 יאר

צוריק. זיך געווענדעט צו/ם יידישן ליט. פאר. וועגן מיטהילף; און ......

בוך מ. 2 – אנאלזייטיקער פארטיק צו/ם דרוק, צו וועמען זיך ווענדן?

חאטש י.ל. פרץ פארלאג לעבט אבער און פארעפנטלעכט, וועמען זיי ווילן!!..

~~ידיש~~ יד ושם פארלאג איז דא, צו וועמען זיך ווענדן , וועגן

מיינע שאפונגען?, אז זיי זאלן יע האבן אנאפקלאנג!!!! 6 66

אבב אורח: ארגאניזירט און געארבעט אין דער ביבליאטעק, פון

~~פרן עלטערן ק~~ לאנד – צענטראלן עלטערן – קלוב 7 –יאר, אלס ביבליאטעקארין

און רעפערענטן איבער יידידשער און ניט יידישער ליטעראטור –

אין קרית מוצקין.

און זעץ פאר אין די ישובים, פון הדר שרון.